# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ח – סוכות תשע"ב לפ"ק | כיתה ח' ט'


### תתתתרפא) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו מאנטריאל

עס איז געווען חול המועד סוכות אין די ערשטע יארן נאך זיין חתונה ווען ער איז געקומען צו פארן קיין ניו יארק, און ער איז אריינגעגאנגען צו כ"ק אדמו"ר **הרה"ק מסקולען זצ"ל.** (מיין עלטער באבע ע"ה איז אויפגעצויגן געווארן אלס קינד אין שטוב פון סקולענער רבי'ן זצ"ל, וואס דאס האט געברענגט א גרויסע קרבות פון די משפחה צום סקולענער רבי'ן זצ"ל). **ווען** דער סקולענער רבי האט איהם געפרעגט וואס ער טוט, האט ער געענטפערט אז ער לערנט אין כולל, און ער גייט ווערן א מלמד.

ווען דער סקולענער רבי האט דאס געהערט האט ער גערופן דעם גבאי'ן און געזאגט אז כאטש עס ווארט אן עולם אריינצוגיין זאל ער פארמאכן די טיר, ווייל ער נעמט שוין היינט נישט אויף קיין מענטשן. און ער האט דאן געגעבן פארן זיידן א שמועס פון אנדערטהאלבן שעה אז ער זאל האלטן פאר די אויגן וואס א מלמד דארף אלס וויסן ביים מחנך זיין די צאן קדשים.

צווישן אנדערע האט ער אים געזאגט "מ'דארף אויסלערנען די תלמידים מידות טובות, אמאל האט מען געוואוסט אז דער מלמד לערנט מיט די קינדער תורה, און מידות לערנען די קינדער פון די עלטערן אינדערהיים, היינט איז נישט אזוי צוליב צוויי סיבות, איינס ווייל רוב עלטערן זענען פארפלאגט און זיי האבן נישט קיין צייט צו לערנען מידות מיט די קינדער, און צוויי ווייל ס'איז דא עלטערן וואס ווייסן דאס אויך נישט"... (חיים מרדכי געלב)

### תתתתרפב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' נח גפן שליט"א שו"ב

מיין טאטע הרה"ח ר' יושע ז"ל פלעגט דערציילן, אז זיין פאטער **הרה"ג ר' שמשון אליעזר גפן ז"ל** וועלכער איז געווען א תופס ישיבה אין קליינווארדיין און א תלמיד פונעם קדושת **יום טוב** זי"ע, האט געהאט א סדר אז אויף די צווייטע טעג סוכות, איז ער געפארן צו די קינדער פון זיין רבי'ן, איין יאר איז ער געפארן קיין סיגוט צום עצי חיים ז"ל, אין איין יאר איז ער געפארן צום רבי'ן **בעל דבר"י** זי"ע.

שפעטער ווען דער עצי חיים איז נפטר געווארן לחה"ה, איז ער שוין נאר געפארן צום רבי'ן זי"ע, נאך יום טוב ווען ער איז אהיימגעקומען פלעגט ער איבערגעגעבן פאר די קינדער זיינע איינדרוקן פונעם געהויבענעם יו"ט ביים רבי'ן.

איין יאר ווען מיין זיידע איז געפארן אויף די צווייטע טעג סוכות קיין קראלי. האט ער דערציילט ביים אהיימקומען מיט א ספעציעלע רגש קודש איבער דעם יונגן בחור, משה, דער זון פון זיין רבי'ן דער **עצי חיים** זי"ע (מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע) וועלכער איז געווען דעמאלס ביים פעטער, זייענדיג א יתום מאב ואם, און ער האט פון אים דערציילט פאר די קינדער.

בתוך הדברים האט ער דערציילט אז הושענא רבה ביינאכט, זענען געווען עטליכע רבנים ביים טיש, וכדרכו בקודש ביי די חול המועד טישן איז דער רבי **בעל דבר"י** זי"ע געווען אויפגעלייגט און ער האט געשמועסט מיט די רבנים. דער רבי (מרן הבר"מ זי"ע) אלס בחור, איז געזעסן ביי די זייט פונעם טיש, און אינמיטן טיש האט ער געגעבן א שטארקן קרעכץ.

ווען דער פעטער רביה"ק זי"ע האט געהערט דעם קרעכץ האט ער זיך אויסגעדרייט צו אים און ער האט אים געפרעגט "וואס גייט פאר?" דער רבי האט זיך ארויסגעדרייט פון צו ענטפערן, אבער ווען דער פעטער האט אים איבערגעפרעגט האט ער געזאגט אז ער האט זיך מתבונן געווען אז עס איז היינט הושענא רבה אזא הייליגער זמן, און ווי אזוי זעהן מיר אויס... רביה"ק זי"ע הערענדיג די ווערטער איז ממש נשתנה צורתו געווארן, ער איז געווארן זייער ערנסט, וואס האט געמאכט א שטארקן רושם אויפן גאנצן עולם. זי"ע (יואל יושע גפן, אברהם צבי גפן, משה גפן, אלתר ברוך גפן, משה קטינא)

### תתתתרפג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' חיים ידידי' פישער הי"ו

איך האב געהערט פון מיין רבי'ן **הגה"צ רבי יונה פארסט זצ"ל ר"מ בישיבת נייטרא**, אז ער האט געקענט אינדערהיים אין נייטרא א איד א גר צדק וואס ער איז געווען זייער א געהויבענער איד, א עובד ה', ממש א בעל מדריגה.

איינמאל האט ער אים געפרעגט "זאג מיר, וואס האט דיך געברענגט אז דו זאלסט אנערקענען דעם אמת פון די אידישע אמונה, און דו זאלסט מחליט זיין צו ווערן א איד, און נאך אזא געהויבענער איד?".

האט דער גר צדק געענטפערט "איך האב געוואוינט אינדערהיים אין א שטעטל קעגן איבער א אידישע שוהל, איך האב אלס געזעהן די אידן קומען און גיין פון שוהל, און זיי האבן נישט געצויגן מיין אינטערעסע, ביז איינמאל יום הקדוש, ווען די אידן זענען געווען א גאנצן טאג אין שוהל, זיי האבן געפאסט, און א גאנצן טאג האבן זיי געוויינט און געשריגן, און מוצאי יום הקדוש זענען זיי ארויסגעקומען פון ביהמ"ד מיט אזא שמחה, מיט אזא פרייליכקייט, וואס איז מיר געווען א מורא'דיגער וואונדער ווי אזוי די זעלבע אידן וואס האבן א גאנצן טאג אזוי געוויינט און געקלאגט זאלן זיך פלוצלונג אזוי פרייען, האב איך זיך אנגעהויבן צו פאראינטערעסירן אין אידישקייט, ביז איך האב איינגעזעהן דעם אמת און דאס זיסקייט פון צו דינען דעם איינציגן הייליגן באשעפער, דער רבש"ע וואס פירט זיין הייליג פאלק מיט אזויפיל חסד ורחמים, און איך האב זיך מגייר געווען". (מנחם זאב פישער הערשל פישער, ישראל פישער, משה פישער, אליקים פישער)

### תתתתרפד) עס דערציילט אונזער עלטערער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' צבי הכהן שווארץ ע"ה

זי פלעגט שיקן יעדן ערב שב"ק דורך די פאסט 'טיכלעך' פאר די אידן שומרי שבת וואס זענען פארבליבן אין קארפאטארוס-רוסלאנד, די שטעט ווי חוסט, אונגוואר, מונקאטש, סעליש, בישטינע, און נאך. דארט האבן געוואוינט עלטערע אידישע משפחות וואס האבן נישט געהאט קיין פרנסות, און זיי פלעגן פארקויפן די טיכלעך און מיט דעם האבן זיי געקויפט האלץ פארן ווינטער, און עסן צו שפייזן די משפחה.

יעדעס יאר שמיני עצרת און שבת שקלים פלעגט דער **רבי מרן הדברי יואל** זי"ע הייסן מאכן אן אפיל אין ביהמ"ד פאר די 'רוסישע פעקלעך' דורך הרה"ח ר' שלום לויפער ז"ל, און די רוסישע אידן פלעגן שרייבן זייער הארציגע דאנק בריוו פאר די באבע תחי'.

מיט די יארן איז איינע פון די משפחות געקומען קיין אמעריקע, האט די פרוי דערציילט פאר די באבע תחי' אז זי פלעגט יעדן פרייטאג צונאכטס גיין צינדן פינף קילא ליכט ביים ציון פון **הרה"ק רבי מרדכי'לע נאדבערנער זי"ע** (מנו"כ אין בישטינא, זיין יארצייט געפאלט א' סוכות) און זי האט געזעהן גרויסע ישועות.

ווען זי האט מחליט געווען צו קומען קיין אמעריקע, האט זי איינגעגעבן א ביטע צו באקומען א פאס, און זי האט דאס באקומען ביז צוויי וואכן, אין די צייט וואס אנדערע האבן געווארט יארן צו באקומען א פאס.

עס איז ידוע אז רבי מרדכי'לע זי"ע האט געהאט א ענין מיט די שבת לעכט, ער פלעגט צינדן מער ווי הונדערט ליכט מיט איין שוועבעלע, און בשעת מעשה האט ער

נאך דערציילט עטליכע מעשיות.

עס האט דערציילט הרה״ח ר׳ ארון פרייליך ע״ה אז עטליכע טעג פאר זיין פטירה איז געווען א ערד ציטערניש אין בישטינא, האט דער צדיק געזאגט אז די ערד ציטערט אריינצונעמען מרדכי׳לע... זי״ע. (אהרן הכהן פאללאק, משה יוסף הכהן פאללאק, יואל ברוך כלב הכהן פאללאק, יואל בער שווארץ, שמואל בער שווארץ, יואל משה שעהנברוין, אברהם שלום גרינוואלד, אליקים יודא גרינוואלד, יואל פייערשטיין, אליקים יודא גרינוואלד)

תתתתרפה) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא מערץ הי״ו

ווען מיר האבן געוואוינט אין סאטמאר האט מען געבויעט דאס חסיד׳יש ביהמ״ד וואו רביה״ק **בעל דברי יואל** זי״ע האט געדאווענט מיטן חסיד׳שן עולם. (אויסערדעם איז געווען די גרויסע שטאטישע שול, וואו דער רבי האט צומאל געדאוונט מיטן אשכנזי׳שן שטאטישן עולם)

מיין טאטע הרה״ח ר׳אברהם יצחק ע״ה האט געהאט א גלאז פאבריק האט ער געמאכט די פענסטער פארן ביהמ״ד, און דער רבי האט געהייסן פאר מיין טאטן אז ער זאל אינזינען האבן אז ער בויעט דאס נישט פאר קיין בית הכנסת, נאר אלס ׳ בית וועד׳ א פלאץ וואו מ׳קומט זיך צונויף, כדי עס זאל נישט חל זיין אויף דעם די הארבע הלכות פון א בית הכנסת. און מ׳האט דאס אנגעזאגט פאר אלע ארבעטער, אפילו פאר די גוים אז זיי זאלן אזוי אינזינען האבן. (עי׳ בשו״ת דברי חיים ח״ב, חו״מ סי׳ ל״ב, שכ׳ בזה״ל הבתי מדרשים של צדיקי הדור אין להם דין ביהמ״ד וכו׳ שהרי אנו רואים שמשתמשים בו דברים שאין ראשים וכו׳ אך הטעם דהצדיקים בונים רק לשם בית וועד לתלמידי חכמים, ולא שיהי׳ קדושת ביהכנ״ס עליהם, וכן שמעתי שצדיק אחד אמר בשעת בנית ביהמ״ד בביתו שמתנה בפירוש שבונה רק בית וועד אבל לא שיהיה קדושת ביהמ״ד עליו, ומסתמא כן נוהגים כל הצדיקים״. עכ״ל)

שפעטער נאך די מלחמה ווען מיר זענען צוריק געקומען קיין סאטמאר, איז די שטאט געווען אונטער די קאמוניסטן, און זיי האבן געוואלט נוצן דעם ביהמ״ד פאר זייערע געברויכן, האבן די דעמאלטסדיגע קהילה געמאכט אן אסיפה, און מ׳האט מחליט געווען צו צעווארפן דאס ביהמ״ד כדי די רשעים זאלן דאס נישט קענען נוצן, און מ׳האט דעמאלטס געדינגען גוים וואס האבן דאס צעווארפן אין איין נאכט עד לעפר, און נאר צוליב דעם תנאי וואס מ׳האט זיך געהאט אויסגענומען, איז נישט געווען דערביי קיין חשש פון איסור סתירת בית הכנסת. (עי׳ שו״ת מנחת יצחק ח״ח סי׳ י״ג ד״ה ונוסף) (שמעון מערץ, יואל זוסמאן ג״ב, יוסף גאלדבערגער)

תתתתרפו) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה״ח ר׳ עקיבא צבי גאנז שליט״א

אין צוגאב צו די מעשה וואס איז געווען געדרוקט (גליון קצ״ו אות תתתתרנ״ט) איבער דעם באזוך פונעם גערער רבי׳ן ז״ל ביי רביה״ק **בעל דברי יואל** זי״ע, ביים שיף איידער דער רבי איז אוועק געפארן פון ארה״ק בשנת תשכ״ה לפ״ק, האב איך געוואלט צוגעבן וואס איך בין דערביי געווען בשעת מעשה ווען דער גערער רבי ז״ל איז אנגעקומען צום די שיף און געגעבן שלום פארן רבי׳ן, דער רבי איז געווען אויפן וועג ארויף גייענדיג צום שיף, און ער האט נישט באמערקט ווער דאס איז, האט ער געענטפערט ׳עליכם שלום׳, האט זיך רבי יוסף אשכנזי ע״ה אנגערופן ״דאס איז דער גערער רבי״, האט זיך דער רבי אויסגעדרייט און אים אנגעקוקט, און געזאגט ״אה, איר זענט דאס?!... נו, וואס מאכט איר?!״, האט דער גערער רבי געזאגט פארן רבי׳ן אז ער האט געדינגען א צימער׳ל דא נישט ווייט, און ער וויל שמועסן מיטן רבי׳ן.

דער רבי האט זיך אנטשולדיגט אז ער האט שוין נישט קיין צייט, און זיי האבן געשמועסט צווישן זיך אין קורצן. נאכדעם ווען דער רבי איז שוין ווייטער געגאנגען האט ער זיך אנגערופן מיט התפעלות ״מיט איין מענטש איז ער געקומען, וואלט איך דאס אויך געקענט באוויזן?! איבעראל וואו איך גיי לויפט מען מיך נאך״. (מפי התלמידים)

תתתתרפז) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

עס האט מיר דערציילט א חשוב׳ער ת״ח וואס האט געהערט א שיעור פרקי אבות פון הגה״צ רבי דוד מייזליש שליט״א אב״ד דקהלתינו הק׳ אין מאנטריאל, האט ער דערציילט בתוה״ד אז זיין פאטער הגה״צ רבי צבי הירש מייזליש זצ״ל אב״ד ווייצען איז אמאל געווען ביים גערער רבי׳ן ז״ל, אז עס איז אויסגעקומען דער שמועס איבער די גרויסע ירידה פון די ׳אגודה׳, האט זיך דער גערער רבי מתנצל געווען ״וואס זאל איך טון, איך האב עס גע׳ירש׳ענט״. (מיינענדיג צו זאגן אז ער איז נישט אליינס אריין, נאר זיין פאטער דער אמרי אמת ז״ל איז שוין געווען אין די אגודה, און ער דארף עס ממשיך זיין).

ווען דער ווייצענער רב האט דאס איבער געזאגט פארן רבי׳ן **בעל דברי יואל** זי״ע, האט דער רבי געזאגט ״דער גערער רבי זאגט דאך אינמיטן די תורה ״עס איז שוין גענוג געווען״ זאל ער זאגן פאר זיינע חסידים בנוגע די אגודה ״עס איז שוין גענוג געווען״... (דער גערער רבי פלעגט זאגן אפטמאל ביי זיינע דברי תורה ״שוין גענוג געווען״ און ער האט נישט געענדיגט די תורה״, ועי׳ באוהח״ק פר׳ בהר עה״פ ומכר מאחוזתו). האט דער רב שליט״א מיט דעם געטייטשט ״ומה יפה ירושתינו״, ווי וואויל איז אונז אז מיר האבן א ירושה דעם ויואל משה און נישט די אגודה.

עס איז ידוע אז דער גערער רבי ז״ל כאטש ער איז געווען פון די פירער פון די אגודה האט ער שטארק מעריך געווען די ׳העדה החרדית׳, ער פלעגט צאלן ׳מס חבר׳, און ווען כ״ק הרה״צ רבי הערשעלע מ׳קרעטשניף זצ״ל האט אים אמאל געפרעגט אויף דעם וואס ער איז אין די אגודה האט ער געענטפערט ״ווען איך וואלט נישט דארט געווען, וואלט די אגודה געווען סך ארגער״.

און ווען עס איז געווען בשנת תשכ״ה-כ״ו א שווערע פרשה אין ארה״ק וואס האט גורם געווען א טיילונג אין די העדה החרדית, און אלע שונאים פון די ׳עדה׳ האבן זיך צוגעכאפט צו די פרשה, צו קענען באשמוצן די ערליכע אידן, האט דער גערער רבי אנגעזאגט דעם ׳המודיע׳ אז ער זאל גארנישט שרייבן פון דעם ענין. (יעקב זילבערשטיין, שמעי׳ ברוך גאלד)

תתתתרפח) עס דערציילט מיין איידע

## הרה״ח ר׳ בנימין הערש הכהן בערקאוויטש הי״ו

ער האט זוכה געווען במשך די יארן וואס ער איז געווען דער מנהל פון ״בית רחל״ ארויסצוגעבן מערערע ספרים צו לערנען מיט די תלמידות, אויף אלע חגים ומועדי השנה.

איינמאל האט איהם רביה״ק מרן **בעל דברי יואל** זי״ע געלאזט רופן און געזאגט ״מ׳דארף אויסלערנען די קינדער מידות, אז מ׳דארף זיין א מענטש, אז מ׳איז נישט קיין מענטש קען מען נישט זיין א איד״. און דער רבי האט אים געהייסן שרייבן א ספר אויף עניני מידות פאר די קינדער.

ווען ער האט געענדיגט שרייבן דעם ספר ׳כולל ענינים׳ האט ער דאס אריינגעטראגן צום רבי׳ן זי״ע, און דער רבי האט דאס געהאלטן אויפן טיש בערך א חודש צייט. און יעדן איינציגן טאג האט ער מעיין געווען דערין אויפן סדר.

עס איז געווען עטליכע מאל וואס דער הויז בחור האט אוועק געפאקט די ספרים, האט ער אויך דעם ספר געוואלט אוועק נעמען פון טיש, האט אים דער רבי געזאגט ״דאס לאז דא״. און ביז ווען דער רבי האט נישט געענדיגט דורכגיין דעם ספר מהחל ועד גמירא האט ער דאס נישט אראפ געלאזט פון טיש.

איין טאג איז דער הויז בחור צוגעקומען צו איהם און געזאגט ׳מסתמא וועט אייך דער רבי היינט רופן, ווייל היינט האט דער רבי געענדיגט דעם ספר׳.

וכך הוה, יענע נאכט האט אים דער רבי געלאזט רופן און דער רבי האט געזאגט ׳עס איז זייער א גוט ספר און עס איז ראוי צו לערנען מיט די קינדער׳. און דער רבי האט געגעבן פארשידענע הגהות אויפן ספר. (זאב וואלף גלאנץ)

תתתתרפט) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ יונתן בנימין האניג הי״ו

איינמאל האט דער איידע הגה״צ רבי נפתלי הירצקא האניג זצ״ל דער שארמאשער רב געהאט א ׳רויז׳ ל״ע, און ער האט געוואלט גיין אין מקוה. די רביצין ע״ה האט גע׳טענה׳עט אז עס איז א סכנה צו גיין מיט א ׳רויז׳ אין מקוה, אבער האט נישט געוואלט מוותר זיין.

זייענדיג אין די קאנטרי איז די רביצין אריבער געגאנגען צו הרה״ח רבי אהרן פאללאק ז״ל סופר סת״ם, און אים געבעטן אז ער זאל משפיע זיין אויפן איידן אז ער זאל נישט גיין אין מקוה.

האט דער איידע געענטפערט ״איך האב שוין נישט קיין רויז, ווייל יעדע אבר פונעם מענטש איז קעגן א מצוה, און יעדע גיד איז קעגן א עבירה, און דער פלאץ וואו איך האב געהאט די רויז דאס איז קעגן די ציצית, און איך האב בודק געווען די ציצית האב איך געזעהן אז איין ציצית איז געווען אראפ געריסן, אבער יעצט אז דאס איז שוין פארראכטן געווארן איז שוין דער רויז אויך פארהיילט געווארן אפילו אויפן בליק זעהט מען עס נאך אן״... (יחזקאל שרגא קויפמאן, נפתלי הירצקא קויפמאן, איתמר טובי׳ רובינשטיין, יחזקאל שרגא עקשטיין)